FRIENDS OF THE YIDDISH SCHOOL IN SYDNEY

PRESENT

# RACHEL HOLZER

and the Kadimah David Herman Theatre Group
in Melbourne

— in —

# RED ROSES

A COMEDY IN 3 ACTS

AT THE CONSERVATORIUM OF MUSIC

ON SATURDAY, JULY 7TH 1956

★

# PROGRAMME

# "RED ROSES"

A Comedy in 3 Acts by: ALDO DE BENEDETTI

Produced: R. HOLZER. — Yiddish: C. ROSENSTEIN

## CAST:

| | |
|---|---|
| Bernardo ... ... ... ... | JASHA SHER |
| Rosina ... ... ... ... | STELLA BRUSTMAN |
| Tomasso Savelli ... ... ... | SHIE TIGEL |
| Marina Verina ... ... ... | RACHEL HOLZER |
| Alberto Verani ... ... ... | JACOB LEWIN |

Time: Present. Place: A Town in Italy.

1st Act: 12 noon
2nd Act: Ten days after. Afternoon.
3rd Act: Same day -- Evening.




Furniture by

# פראָגראַם

## „רויטע רויזן“

אַ קאָמעדיע אין 3 אַקטן פון: אַלדאָ דע בענעדעטי

רעזשי: רחל האָלצער. יידיש: חיים ראָזענשטיין

עס שפּילן:

| | |
|---|---|
| בערנארדא | יאשא שער |
| ראָזינאַ | סטעלאַ ברוסטמאַן |
| טאָמאַסאָ סאַוועלי | שיע טיגעל |
| מאַרינאַ וועראַני | רחל האָלצער |
| אלבערטאָ וועראַני | יעקב לעווין |

צייט: קעגנווארט. אָרט: אַ שטאָט אין איטאַליע.

1־טער אַקט קומט פאָר 12 בייטאג

2־טער אַקט קומט פאָר צען טעג שפּעטער. נאָכמיטאָג

3־טער אַקט קומט פאָר דעמזעלבן טאָג אין אָוונט.


courtesy

of KALMAR INTERIORS

(PROPRIETOR MAX GRAY)

17 ROWE STREET, (OPPOSITE G. P. O.)

SYDNEY

BW 3917

# דער טעאַטער־קרייז א.נ. פון דוד הערמאַן ביי דער „קדימה״ אין מעלבורן

שוין איבער דרייסיק יאר טראגט דער דוד הערמאן קרייז דאס יידיש קינסטלערישעווארט צו אלע, וועמען יידיש לשון, יידישע קולטור איז נאענט און טייער.

אין מאי 1926 איז געגרינדעט געווארן דער „קדימה דראמאטישער סירקל״. ערשט אנהויב מלחמה איז אנגענומען געווארן דער איצטיגער נאמען: טעאטער־קרייז א.נ. דוד הערמאן ביי דער „קדימה״.

נישט דא איז דאס ארט גענויער זיך אפצושטעלן אויף דער טעטיקייט פון דעם „קדימה״ טעאטער־קרייז. זיין ארבעט, ביי די היגע יידישע באדינגונגען, איז א קאלאסאלע. ער איז כמעט די פאפולערסטע יידישע קולטור־אינסטיטוציע אין אויסטראליע. די השפעה פון קרייז ווערט וואס אמאל גרעסער. אמאל פלעגט א יידישע פארשטעלונג אין מעלבורן געשפילט ווערן איין־צוויי מאל, היינט, ווערט זי געשפילט זיבן, אכט מאל און אויך מער. אין משך פון א סעזאן קומען אין מעלבורן פאר א דרייסיק יידישע טעאטער־אימפרעזעס, וואס ווערן באזוכט פון קרוב צו צען טויזנט יידן.

זיין רעפערטואר געהערט צום רעפערטואר פון בעסטן יידישן טעאטער. דער קרייז האט געשטעלט פיעסן פון: שלום־עליכם, י. ל. פרץ, ה. לייוויק, ש. אנסקי, פרץ הירשביין, שלום אש, דוד פינסקי, ה. ד. נאמבערג, דוד בערגעל־סאן, איציק מאנגער, אסיפ דימאוו, יעקב גארדין, הנא גאטעספעלד, סטרינדבערג, קארעל טשאפעק, פרידריך וואלף, ל. ווערנעל, ניקאדעמי און א רייע אנדערע באקאנטע דראמאטורגן.

דער קרייז ציילט אין זיינע רייען מיטגלידער, וועלכע וואלטן, ביי נארמאלע באדינגונגען, געדארפט שפילן ווי פראפעסיאנעלע ארטיסטן אין גוט יידיש, פראפעסיאנעלן טעאטער.

דער „קדימה״ טעאטער־קרייז האט אלע זיינע יארן געהאלפן מאטעריעל פארשידענע יידישע אינסטיטוציעס. ער איז די איינציקע יידישע קולטור־אינסטיטוציע וואס באדינט די גאנצע יידיש־רעדענדיקע באפעלקערונג אן אונטערשיד פון ריכטונג. עס איז אלזא פארשטענדליך די פאפולאריטעט און ליבשאפט פון וועלכע דער קרייז געניסט.

# רחל האָלצער׳ס טעאַטער־טעטיקייט



רחל האָלצער האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט אויף דער יידישער בינע אין 1926, אין קראָקעווער יידישן קונסט־טעאַטער.

שפּעטער שפּילט זי מיט דער ״ווילנער טרופּע״ אין לעמבערג, דערנאָך אין דראַ־מאַטישן טעאַטער אין קראָקע און אין לעמבעג.

אין 1929 באַזעצט זיך רחל האָלצער אין וואַרשע וווּ זי בלייבט ביז׳ן אָנהויב 1939.

פאַר די צען יאָר שפּילט די קינסטלערין אין אַ רייע דראַמאַטישע טעאַטערן אין וואַרשע, ווי אויך אין טורנייען אויף דער פּוילישער פּראָווינץ.

רחל האָלצער איז פיל מאָל אויפגעטרעטן מיט אירע וואָרט־קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג איבער צענדליקער שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. אין אָנהויב 1939 איז די קינסטלערין אַרויסגעפאָרן אויף אַ טורניי קיין אויסלאַנד: פּאַריז, בריסל, אַנטווערפּן, אַמסטער־דאַם, און אין אויסטראַליע — אין מעלבורן און סידני.

די מלחמה האָט רחל האָלצער פאַרהאַלטן אין אויסטראַליע, וווּ זי איז אויפ־געטרעטן מיט אַ גאַנצער רייע וואָרט־קאָנצערטן.

1950 — 1951 איז די קינסטלערין אויפגעטרעטן אין ישראל מיט קנאַפּע זעכציג קאָנצערטן אויסער ראַדיאָ־אויפטריטן.

איר בינע־טעטיקייט אין מעלבורן האָט רחל האָלצער פאַרבונדן מיט׳ן טעאַטער־קרייז א.נ. דוד הערמאַן ביי דער „קדימה״. זי האָט דאָ רעזשיסירט און מיטגעשפּילט אין אַ גאַנצער רייע פּיעסן.

דאָס איז, אין די קורצסטע שטריכן, רחל האָלצער׳ס טעאַטער־אַרבעט. גענויער אַרומרעדן די זייער פאַרצווייגטע טעאַטער־טעטיקייט פון דער קינסטלערין פאָדערט אַ גאָר גרויסע אָפּהאַנדלונג.

פריינד פון דער יידישער שול אין סידנעי

פרעזענטירן

# רחל האָלצער

מיט'ן טעאטער־קרייז

א. נ. דוד הערמאן ביי דער „קדימה" אין מעלבורן

אין דער קאָמעדיע

# „רויטע רויזן"

## שבת, דעם 7־טן יולי 1956

אין זאל פון קאנסערוואטאריום

★

Pernat Printing Co., 394a Sussex St., Sydney. MA 5343.